# איטשע-מאיר שפּילרײַן

## אַ קאָנספּעקט פֿון אַ קורס אין דעם 2״טן מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט

פֿאַרלאַג ״שול און בוך,״ מאָסקווע, 1926 [דער אמת]

--פֿאָרוואָרט.

אַרויסגעבנדיק אין 1926 יאָר דעם קורס, וואָס איז געלייענט געוואָרן אין 1922-23 יאָר, ווײַז איך אָן פֿאָלגנדיקעס: בײַ הײַנטיקן טאָג האָבן מיר אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ היפּשע צאָל פֿילאָלאָגישע אַרבעטן, נאָר זיי פֿאַרנעמען זיך אָדער מיט אַ דעטאַלער באַשרײַבונג פֿון באַזונדערע סטרוקטור-פֿראַגן פֿון ייִדיש (שענעאַנו [סאַיִנעאַנו, 1900-1990], ניגער [שמואל ניגער, 1883-1955], באָראָכאָוו [בער באָראָכ, 1900-1919], לאַנדוי [אַלפֿרעד לאַנדאַו, 1850-1935], בירנבוים [סאַלאָמאָ/שלומה-אשר בירנבאַום, 1891-1989], פּרילוצקי [נח פּרילוצקי, 1882-1941], ו.אַ.וו.), אָדער דאָס איז פּאָפּולערע גראַמאַטיק, וואָס איר אײנציקער ציל איז אויסלערנען דעם תּלמיד בויגן די ווערטער און שרײַבן מיט יענער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס דער מחבר האַלט פֿאַר אַ ריכטיקע.

בײַ אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן קורס פֿון ייִדישער פֿילאָלאָגיע פֿאַר לערער פֿון דער צווייטער שטופֿע קאָן מען, ווײַזט אויס, ניט אָנווענדן קיין איינעם פֿון דידאַקטישע טראַקטירונג-טיפּן: אַ גראַמאַטיק פֿאַר קינדער וועט די צוקונפֿטיקע לערער ניט באַפֿרידיקן, און אַ דעטאַלע פֿאַנאַנדעראַרבעטונג פֿון וועלכער ניט איז איין פֿראַגע וועט זיי ניט געבן דעם אַלגעמיינעם ידיעות-מינימום, אָן וועלכן זיי וועלן זײַן איבערדערציילער נאָר פֿון פֿרעמדע געדאַנקען און וועלן זעלבשטענדיק ניט קאָנען פֿילאָלאָגיש טראַכטן.

דער פֿאָרגעלייענטער קורס איז געווען אַ פּרווו אײַנצופֿאַסן אין די ראַמען פֿון איין אַקאַדעמישן יאָר די אַלע פֿילאָלאָגישע ידיעות, וואָס אַ לערער דאַרף האָבן, אָנווײַזנדיק דערבײַ די אַנטשפּרעכנדיקע גרונט-ליטעראַטור איבער די באַרירטע טעמעס.

איך האָף, אַז דערדאָזיקער קורס, וואָס איז פֿאַרפֿיקסירט אין דער פֿאָרם פֿון אַ קאָנספּעקט, וועט געבן די מעגלעכקייט פֿיל לערער צו רעווידירן זייערע ידיעות און וועט נוצן אייניקע קאָלעגן בײַם גרייטן זיך צו לעקציעס אין העכערע לערן-אַנשטאַלטן.

שפּילרײַן.

קאָנספּעקט פֿונעם קורס פֿון ייִדיש, געלייענט אינעם צווייטן מאָסקווער מלוכה-אוניווערסיטעט אין 1922-23-טן לערניאָר

קאַפּיטל 1.

אַ קורצע געשיכטע פֿון די ייִדישע לשונות.

אַ באַגריף פֿון די סעמיטישע לשונות, ווי פֿון לשונות, אין וועלכע די באַדײַטונג פֿונעם וואָרט באַשטימען דרײַ קאָנסאָנאַנטן, וואָס גייען אַרײַן אין שורש. אַ באַגריף פֿון די אַרישע לשונות. העברעיִש צווישן סעמיטישע לשונות. די ווירקונג פֿון גריכיש (אין אַלעקסאַנדרישן פּעריאָד), אַראַביש און שפּאַניש. ראָמאַנישע עלעמענטן אינעם לשון פֿון די דײַטשע ייִדן. דער ראָמאַנישער און דײַטשישער פּעריאָד. די עמיגראַציע אין פּוילן אין 14-טען און שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן און די השפּעה פֿון די סלאַווישע לשונות אויף דער שפּראַך פֿון די ייִדן -- אויסוואַנדערער פֿון דײַטשלאַנד, וועלכע איז געווען אין איר גרונט אַ גערמאַנישע. די ווירקונג פֿון די סלאַווישע לשונות אויף דער פֿאָנעטיק, לעקסיקאָן און איבערהויפּט אויפֿן עטימאָלאָגישן געבוי פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

קאַפּיטל 2.

אַלגעמיינע געשיכטע פֿון ייִדיש.

די ערשטע ידיעות וועגן ייִדיש אין די כראָניקעס פֿון 12-טן און 13-טן יאָרהונדערט. די דײַטשישע קהילות. די לידער פֿון זיסקינד פֿון טרימבאַרן (צ. 1200-1250)]. די כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם לשון פֿון יענער צײַט: אין תּוך אַ דײַטשיש מיט העברעיִשע צווישנשיכטן. די ערשסטע געדרוקטע ליטעראַטור אין ייִדיש. די דענקמעלער פֿון 16-18 יאָרהונדערט. די איבערזעצונג פֿון די הייליקע ספֿרים,

באָבעמײַסע, "צאינה-וראינה", ביכער מיט אַ רעליגיעז-מאָראַלישן אינהאַלט און ראָמאַנען. פּריוואַטע בריוו פֿון פּראַגער [פּראָגער] ייִדן פֿון 17-טן יאָרהונדערט, פֿאַרעפֿנטלעכטע פֿון לאַנדוי. "די מעמואַרן פֿון גליוקעלן-פֿאָן האַמעלן". אַ באַגריף וועגן די ענדערונגען אין שפּראַך, וואָס קומען פֿאָר אין צוזאַמענבונד מיט די ענדערונגען אין די עקאָנאָמישע לעבנס-באַדינגונגען פֿון די פֿעלקער. די סיבות, וואָס ווירקן אויף די ענדערונגען פֿון די שפּראַכן: די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פֿון די לשונות. די ווירקונג פֿון נײַע לעבנס-באַדינגונגען און פֿון נײַע באַגריפֿן, די ווירקונג פֿון אַנדערע פֿעלקער. די באַדינגונגען, בײַ וועלכע יעדערע פֿון דידאָזיקע סיבות ווײַזט זיך אַרויס.

קאַפּיטל 3.

פֿילאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק פֿון ייִדיש.

די קלאַסיפֿיצירונג פֿון די דײַטשישע דיִאַלעקטן אויף נידער-דײַטש, מיטל-דײַטש און הויך-דײַטש. די אָביעקטיווע סיבות, וואָס ווײַזן אָן אויף דער קרובֿהשאַפֿט פֿון ייִדיש מיטן הויך-דײַטשישן דיִאַלעקט: 1) די פֿאָנעטישע און לעקסישע באַזונדערקייטן; 2) עטימאָלאָגישע באַזונדערקייטן -- דאָס פֿעלן פֿון אימפּערפֿעקט, דער געבוי פֿון דער פֿראַזע, די פֿאַרקלענערונג-פֿאָרם (דער סופֿיקס "ל"). דער דיִאַלעקט גאָטטשעע אין קערנטן (קאַרינטיע) און זײַן קרובֿהשאַפֿט מיט ייִדיש. דער אונטערשייד צווישן דעם דיִאַלעקט גאָטטשעע און ייִדיש דערקלערט זיך מיט דער ווירקונג פֿון די סלאַווישע לשונות אויף ייִדיש. דאָס הײַנטיקע ייִדיש געפֿינט זיך אין גראַמאַטיקאַלישער הינזיכט אינעם פּראָצעס פֿון דערנעענטערן זיך צו די סלאַווישע לשונות, אין לעקסישן -- טראָגט עס נאָך אַלץ אַ דײַטשישן כאַראַקטער.

די עוואָלוציע פֿון דער ייִדישער פֿאָנעטיק אין זין פֿון איר דערנעענטערונג צו דער סלאַווישער.

די טעאָריעס וועגן דער ווירקונג פֿון העברעיִש אויף ייִדיש. די ריכטיקייט פֿון דידאָזיקע טעאָריעס בנוגע דעם לעקסיקאָן און זייער פֿולקומע פֿעלערהאַפֿטיקייט בנוגע דער פֿאָנעטישער (סטאַרק, "יועדיש-דויטשע טעכטע", לעיפּזיג 1918) און גראַמאַטיקאַלישער

(בירנבאַום, ״ייִדישע גראַמאַטיק״, ווין, 1918; ״דאַס העבראַעיִשע אונד אַראַמאַעיִשע עלעמענט אין דער ייִדישען שפּראַכען״, לעיִפּזיג, 1922), (גערזאָן, ״ייִדיש-דויטשע שפּראַכע. איַינע גראַמאַטיש לעקסיקאַלישע אונטערסוכונג איהרעס דויטשען גרונדבעסטאַנדעס״, [פּ. 7: פֿראַנקפֿורט אַם מאַיִן, 1902; פּ. 20: קאָעלן, 1902) -- עד.], (אואַגענסעיִל, ״בעלעהרונג דער ייִדיש-טויטשען רעד- און שרעיִבעאַרט״, קאָעניגסבערג 1699 און אַנד.) ווירקונג. שענעאַנוס [סאַיִנעאַנו׳ס] ״מעמאָיִרעס דע לאַ סאָציִעטע דע לינגויִסטיqוע דע פּאַריס״, 1904, און לאַנדויס [לאַנדאַו׳ס] קריטיק פֿון דערדאָזיקער טעאָריע. די האַנדלס-בורזשואַזיע און אירע אויסדריקער -- די מאַסקילעם. די ווירקונג פֿון מאַסקיליזם אויף דער שפּראַך: דיַיטשמעריזמען, דאָס אַריַינפֿירן פֿון ניַי-דיַיטשישע עלעמענטן. די וויַיטערדיקע דיַיטשמעריזמען אינעם ״בונד.״

דער פּראָלעטאַריִאַט און די ווירקונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער קולטור אויף דער אַנטוויקלונג און פֿאַרטיפֿערונג פֿון דער שפּראַך. די ווירקונג פֿון קלאַסן-גרופּן אויפֿן טיפּ פֿון דער שפּראַך. די היַינטיקע דריַי ייִדישע לשונות: פֿאַר-ליטעראַרישער, פֿאַרדיַיטשט-ליטעראַרישער און ניַי-ליטעראַרישער. די ראָלע פֿון די ייִדישע דיִאַלעקטן: די נויטיקייט צו באַנעמען די דיִאַלעקטן, ווי אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע דערשיַינונג. די גרעניצן צווישן די דיִאַלעקטן זיַינען אין דערזעלבער ציַיט אויך די גרענעצן צווישן די אַרומיקע פֿעלקער. די דיִאַלעקטן: דער ליטווישער, דער פּוילישער, דער דאָרעמדיקער. דער ליטווישער דיִאַלעקט אין ייִדיש, זיַינע באַזונדערקייטן. דיזעלבע באַזונדערקייטן שיידן אונטער ליטוויש פֿון פּויליש. דאָס פֿעלן פֿונעם זאַכלעכן געשלעכט, ״ו״ אָנשטאָט ״אי״, ״ס״ אָנשטאָט ״ש״ און אַ. וו. (דער ליטווישער ״שונוס״ -- פּויליש-רוסישער ״ש׳״, ליטווישער ״דומוס״ -- פּויליש-רוסישער ״דים״ און אַ. וו. דער אַלגעמיין-אַרישער ״ו״, וועלכער ווערט אין די סלאַווישע לשונות פֿאַרוואַנדלט אין ״אי״, בליַיבט איבער אין ליטוויש ״ו״ -- לאַט. [אַזוי] ״מוס״, רוסיש ״מיש״ ו.אַ.וו.). די באַזונדערקייטן פֿונעם פּוילישן דיִאַלעקט, למשל ״איַ״ אָנשטאָט ״איי״, ״ו״ אָנשטאַט ״אָ״, די מוזיקאַלע באַזונדערקייטן אין דער אויסשפּראַך ו.אַ.וו. אונטערשיידן אויך פּויליש פֿון אוקראַיִניש. די באַזונדערקייטן פֿון וואָלינער אוישפּראַך. די ווירקונג פֿון אוקראַיִניש אויף דער פֿאָנעטיק, אויף

דעם געשלעכט פֿון די הויפּטווערטער און אויף אייניקע גראַמאַטיקאַלישע קאָנסטרוקציעס.

## קאַפּיטל 4.

## גערמאַנישע עלעמענטן אין ייִדיש.

די גערמאַנישע עלעמענטן זײַנען די גרונטלעכע. אַלגעמיינע געזעצן פֿון דער טראַנספֿאָרמאַציע פֿונעם מיטל-דײַטשישן קלאַנג אין ייִדיש. די כּללים פֿון די גראַמאַטיקאַלישע פֿאָרמען-פֿאַרענדערונג אונטער דער ווירקונג פֿון זייער צוזאַמענשטויס מיט די סלאַווישע. די געמיינזאַמקייט אין דער אַנטוויקלונג פֿון די פֿאָנעטישע פֿאָרמען פֿאַר אַלע דרײַ עלעמענטן אין ייִדיש: פֿאַרן דײַטשישן, סלאַווישן און העברעיִשן. די מיטל-דײַטשישע פֿאָרמען פֿונעם צײַטוואָרט, די פֿאַרקלענערונגס-פֿאָרם פֿון די אַדיעקטיוון. די גערמאַנישע אײַנפֿאָרמונג פֿון די העברעיִשע עלעמענטן. העברעיִש-דײַטשישע צײַטווערטער, הויפּטווערטער און אַדיעקטיוון. דאָס באַהערשן דעם העברעיִשן פּאַרטיציפּ צוליבן אויסדריקן דעם פּרעצעפּט. די פֿאַרענדערונג פֿון די דײַטשישע פֿאָרמען אונטער דער ווירקונג פֿון אויסערלעכע סיבות.

## קאַפּיטל 5.

## העברעיִשע עלעמענטן אין ייִדיש.

די אוראַלטע העברעיִשע קלאַנגען און זייער פֿאַרענדערונג אין ייִדיש. דאָס פֿעלן פֿון די אַלטע קלאַנגען אין הײַנטיקע פֿאָנעטישן באַגאַזש פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דער העברעיִשער לעקסיקאָן: באַגריפֿן, וואָס האָבן אַ שײַכות צו רעליגיע, אַבסטראַקציע, שטייגער, ריטואַל און אַז. וו. די צופּאַסונג פֿון די העברעיִשע עלעמענטן צו דער אַלגעמיין אַרישער קאָנסטרוקציע פֿון דער ייִדישער שפּראַך און דאָס פֿעלן פֿון דער ווירקונג פֿון די אַלטע פֿאָרמען אויף דער הײַנטיקער שפּראַך. אויסנאַמען: די מערצאָל פֿון די הויפּטווערטער דאָקטוירים, נאַראָנעם, פּויערים. די סמיכעס-פֿאָרם אין אייניקע קאָנסטרוקציעס. באַזונדערע בײַשפּילן פֿון נאָך עקזיסטירענדיקע פּאַרטיציפּן. די געשלעכט-פֿאַרענדערונג פֿון הויפּטווערטער אין דער לעבעדיקער שפּראַך (שבת, מעשׂה ו. אַ. וו.). די טעאָריע וועגן דער

ווירקונג פֿון העברעיִש אויף דער ייִדישער גראַמאַטיק באַזירט זיך אויפֿן ניט קענען די סלאַווישע גראַמאַטיק. אַלע פֿאַלן, ווען די העברעיִשע פֿאָרמען כאַזערן זיך איבער אין ייִדיש, זײַנען פּאַראַלעל אויך פֿאַראַן אין דער סלאַווישער גראַמאַטיק. אין ייִדיש זײַנען אָבער פֿאַראַן אַ סך סלאַווישע פֿאָרמען, וועלכע האָבן ניט קיין פּאַראַלעלן אין דער העברעיִשער גראַמאַטיק.

קאַפּיטל 6.

סלאַווישע עלעמענטן אין ייִדיש.

לעקסיקאָן. די ווירקונג פֿון די לעבנס-באַדינגונגען אין פּוילן אויפֿן כאַראַקטער פֿון די סלאַווישע פֿאָרמען, וואָס זײַנען אַרײַן אין דער ייִדישער שפּראַך: ווערטער וואָס באַדײַטן מעלאָכעס, געצײַג, אינסטרומענטן, קלאַנגנאָכמאַכנדיקע ווערטער, ווערטער וואָס האָבן אַ שײַכות צו מלוכה-אײַנאָרדענונג ו. אַ. וו. סלאַווישע ווערטער, ווי אינטעגרירענדיקע עלעמענטן אין ייִדיש (פֿאָנעטיש אַסימילירטע און פֿאַרשיידענע לויטן דיִאַלעקט) און סלאַווישע פּראָווינציאַליזמען, וואָס די ליטעראַטור האָט זיי ניט אַרײַנגענומען (אונטערשיידן זיך ניט לויט די דיִאַלעקטן). סלאַווישע, דײַטשישע און העברעיִשע סינאָנימען אין ייִדיש. די ראָלע און די אָפּשטאַמונג פֿון דידאָזיקע סינאָנימען. זייער באַדײַטונג. די באַדינגונגען, בײַ וועלכע די סלאַווישע ווערטער דרינגען אַרײַן אין ייִדיש. זייער פֿאָנעטישע אַסימילירונג און ניט אַסימילירונג איז אָפּהענגיק פֿונעם גראַד פֿון זייער אײַנוואָרצלען זיך אין דער שפּראַך. די פֿאָנעטיק פֿון די אַרײַנגענומענע סלאַווישע ווערטער און פֿון די סלאַווישע נעאָלאָגיזמען. די ווירקונג פֿון סלאַווישע דיִאַלעקטן פֿון די אַרומיקע פֿעלקער אויף דער אַנטוויקלונג פֿון די דיִאַלעקטן אין ייִדיש. די סלאַווישע גראַמאַטיק און איר אײַנוואָרצלען זיך אין דער שפּראַך. די וועגן פֿון דעמדאָזיקן אײַנוואָרצלען זיך: 1) די אַרומיקע סבֿיבֿה; 2) די ווירקונג פֿון אַ קולטורעלן קאָלעקטיוו פֿון דער ווײַטנס; 3) די געזעצן פֿון אַסימילאַציע; 4) די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אַסימילאַציע בײַם אַרײַנדרינגען פֿון אַ קאָלעקטיוו, וואָס רעדט אויף איין שפּראַך, אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון אַ קאָלעקטיוו, וואָס רעדט אויף אַן אַנדער שפּראַך. די אָפּשוואַכונג פֿון דער אַסימילאַציע און די סטאַביליזאַציע פֿון דער שפּראַך דורך געדרוקטן וואָרט. בײַשפּילן

פֿון אַ באַפֿעסטיקטער אַסימילאַציע: די פּרעפֿיקסן, וואָס האָבן אין יידיש דיזעלבע באַדײַטונג, וואָס אין סלאַוויש - "דער" (דאָ), "פֿאַר (זאַ), "אויף" (נאַ), "איבער" (פּערעד), "אונטער (פּאָד); די אינווערסיע פֿון דער באַדײַטונג פֿון די פּרעפֿיקסן (אונטערטראָגן, אונטערפֿליִען, אונטערגעבן); דאָס געשלעכט פֿון די הויפּטווערטער; די פֿאַרקלענערונג-פֿאָרם פֿון די אַדיעקטיוון (וועלכע פֿעלט אין די דײַטשישע דיִאַלעקטיוון [סיץ -- עד.]; דער וואָרט-סדר אין די בײַזאַצן; דער סדר פֿון די צענדליקער און איינציקע אין די צאָל-ווערטער אין פֿיל ערטער פֿון ליטע ו. אַ. וו. בײַשפּילן פֿון אומפֿאַרמײַדלעכער שפּראַך-אַסימילירונג פֿון קליינע קאָלעקטיוון: אגבֿ אורכע דאָס מאַלאַכאָווקער "צופֿאָרשטעלן", "צואונטערטראָגן", "באַ אים איז", "באַ מיר טוט וויי" ו.אַ.וו. די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע שפּראַך קאָן עקזיסטירן נאָר ביז וואַנען די גרופּע, וואָס רעדט אויף דערדאָזיקער שפּראַך, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ זעלבשטענדיקן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם.

## קאַפּיטל 7.

## די געשיכטע פֿונעם ייִדישן לעקסיקאָן

די מיטל-הויכדײַטשישע עלעמענטען אַלס גרונטעלעמענטען, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך (איינציקע ווערטער פֿון דער נידער-דײַטשישער אָפּשטאַמונג). העברעיִשע עלעמענטען פֿון דער עלטערע עפּאָכע, וואָס זײַנען פֿאַרבונדען מיט דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער בילדונג און רעליגיע. ראָמאַנישע עלעמענטען - עלטערע (פֿרייען, ארון ו.אַ.וו.) -- און נײַערע, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען דורך אַנדערע לשונות. די ווירקונג פֿון די סלאַווישע לשונות, איבערהויפּט פֿון פּויליש, אויף דער באַרײַכערונג פֿון דעם ייִדישן לעקסיקאָן. די ווירקונג פֿון דער אַנטשטייונג פֿונעם אינדוסטריִעלן קאַפּיטאַל אויף דער ייִדישער שפּראַך. דער קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז געגאַנגען פֿון דײַטשלאַנד, האָט צוזאַמען מיט די פֿאָרמען פֿון דער קלאַסן-געזעלשאַפֿט געבראַכט אויך דײַטשמעריזמען אין דער שפּראַך. די מאַסקילעם, אויסדריקער פֿון דער נײַ-דײַטשישער ווירקונג. פּאַראַלעלע דערשײַנונגען אין אַנדערע שפּראַכן, און דאָס באַזײַטיקן פֿון די פֿרעמדע ווערטער, נאָכדעם ווי

די ברייטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג אַסימילירן די נײַע אידייען. למשל: פּיאָטער דעם גרויסנס "וויקטאָריאַ", "אַסאַמבלייאַ", וועלכע מע האָט אָפּגעוואָרפֿן, נאָכדעם ווי די ווערטער "פּאָבעדאַ" און "סאָבראַניע" האָבן באַקומען אַ נײַעם אינהאַלט. אינערציע צו דײַטשמעריזירונג פֿון ייִדיש אין "בונד". סלאַווישע נעאָלאָגיזמען און דער וועג פֿון זייער אַרײַנדרינגען. זיי שיידן זיך אונטער פֿון די אַלטע סלאַווישע פֿאָרמען אין ייִדיש מיטן גראַד פֿון זייער פֿאָנעטישער אַסימילירונג. די נײַסטע פּוריסטישע ריכטונגען אין דער ייִדישער שפּראַך. באָראָכאָוו, זשיטלאָווסקי, די "קולטור-ליגע."

קאַפּיטל 8.

די געשיכטע פֿון דער ייִדישער גראַמאַטיק.

דאָס פֿולקומע פֿעלן פֿון העברעיִשע פֿאָרמען אין די ייִדישע דענקמעלער, אָנהויבנדיק פֿון 13טן יאָרהונדערט ביז הײַנטיקער צײַט. אַ דורכויס הויכדײַטשישע קאָנסטרוקציע פֿון דער ייִדישער גראַמאַטיק. ביפֿראַט בנוגע דער ווערטער-צעשטעלונג און אייניקע ספּעציפֿישע אויסדריקן (פֿראַנק און פֿרײַ, זאָל ער זײַן) ו. אַ. וו. די ווירקונג פֿון די סלאַווישע לשונות אויף דער ווײַטערדיקער עוואָלוציע פֿון די גראַמאַטישע פֿאָרמען און זייער דערנעענטערונג צו די סלאַווישע. פּאַראַלעלן צו דערדאָזיקער דערשײַנונג אין דער געשיכטע פֿון אַנדערע פֿעלקער און פֿון אַנדערע קאָלאָניאַלע קולטורעלע גרופּן. די ניט גענוגנדיקייט פֿון די פֿאַראַנענע היסטאָרישע ליטעראַטור-קוואַלן פֿאַרן אַנאַליז פֿון דער געשיכטע פֿון גראַמאַטיק, ווײַל זיי האָבן באַשײַנפּערלעך דײַטשמעריזירט די שפּראַך, באַנוצנדיק בײַ שרײַבן דײַטשישע ווערטער און פֿאָרמען, וועלכע מע האָט ניט באַנוצט אינעם דעמאָלטיקן לעבעדיקן ייִדיש. ס'איז קלאָר, אַז דער גרעסטער טייל דערגאַנגענע צו אונדז דענקמעלער פֿון מיטלאַלטערלעכער און נײַער ייִדישקייט זײַנען אויף אַזאַ אופֿן פֿאַלסיפֿיצירט. אייניקע אויסנאַמען: פּריוואַטע בריוו פֿון פּראָגער ייִדן פֿון 17טן יאָרהונדערט, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך לאַנדוי [לאַנדאַו] ו.אַ.וו.

קאַפּיטל 9.

די געשיכטע פֿון דער ייִדישע פֿאָנעטיק.

די באַשײַנפּערלעכע ניט גענוגנדיקייט פֿון די עקזיסטירנדיקע דענקמעלער פֿאַר אַ פּינקטלעכן אורטייל וועגן די פֿאָנעטישע פֿאָרמען פֿון זייער צײַט. די סיבות דערפֿון: די ניט אײַנגעשטעלטע אָרטאָגראַפֿיע, די ניט גענוג פּינקטלעכע פֿיקסירונג, איבערהויפּט פֿון די וואָקאַלן. הילפֿס-מיטלען פֿאַר דער קריטיק: די קריטישע ליטעראַטור וועגן ייִדיש פֿון יענער צײַט. וואַגענזייל -- "בעלעהרונג דער יידיש-טויטשען רעד- און שרעיִבעאַרט," 1699 יאָר; דער אַנאָנימער מחבר פֿון בוך "ייִדיש-דויטשער שפּראַכמעיִסטער," 1752 יאָר און אויך די אַלגעמיינע געזעצן פֿון דער פֿאַרענדערונג פֿון העברעיִשע קלאַנגען אין לעבעדיקן לשון פֿון די ייִדן. די באַשײַנפּערלעכע נאָענטקייט פֿון דער פֿאָנעטיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין אָנהויב פֿון 12טן יאָרהונדערט צו דעם, וואָס מע רופֿט איצט "ספֿאַרדישע האַוואָרע" אין העברעיִש. די ווײַטערדיקע עוואָלוציע אונטער דער ווירקונג פֿון דײַטש: דאָס אַריבערטראָגן דעם אַקצענט אויפֿן ערשטן טראַף אין העברעיִשע ווערטער אויך, דאָס פֿאַרוואַנדלען דעם "קמץ" פֿון "אַ" אין "אָ", דעם "כוילעם" פֿון "אָ" אין "אוי", די פּאַראַלעלע עוואָלוציע פֿון "סעגעל" אין ערשטע טראַפֿן פֿון 'סעגאָלאַטאַ' אין אַ "צירי", די אַנטשפּרעכנדיקע עוואָלוציע פֿון קלאַנגען אין די ווערטער, וואָס האָבן אַ גערמאַנישע אָפּשטאַמונג.

דער פֿולער פּאַראַלעליזם אין דער קלאַנגען-עוואָלוציע פֿון דעם לעקסישן מאַטעריאַל בכלאַל אָן שום שײַכות צו זײַן אָפּשטאַמונג. די ווײַטערדיקע צעצווײַגונג פֿון דער שפּראַך אין פּוילן, ווו עס איז פֿאָרגעקומען פּאַראַלעל מיט דער פֿאַרוואַנדלונג אין פּויליש דעם סלאַווישן לאַנגן "אָ" אין "ו" (גאָ:ראַ - גאָראַ) די פֿאָנעטישע פֿאַרענדערונג פֿון ייִדישן 'קמץ' אין 'קומעץ', סײַ אין די גערמאַנישע, סײַ אין די העברעיִשע ווערטער. די פֿאַלשע באַלויכטונג פֿון דערדאָזיקער דערשײַנונג דורך הײַנריך לעווע (הײַנריך לאָעוע, "די שפּראַכען דער יודען", 1908 [צף. הײַנריך לאָעוע, "די ייִדיש-דויטשע שפּראַכע דעס אָסטיודען", בערלין 1915 -- עד.] ). דער איבערגאַנג פֿון "צײרע" אין "צײַרע", פֿון "איַי" אין "אוי", "ו" אין "איי" האָט אַ פּאַראַלעלע דערשײַנונג פֿון דערזעלבער צײַט -- די עוואָלוציע פֿון פּויליש אין דערזעלבער ריכטונג. דאָס פֿעלן פֿון דערדאָזיקער ריי דערשײַנונגען בײַ יענע ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן ניט געוווינט אין אַ סלאַווישער סבֿיבֿה, ווו עס זאָלן זיך טראַנספֿאָרמירן אַרישע

קלאַנגען. דאָס אָנווערן דעם זאַכלעכן געשלעכט פֿון די הויפּט-ווערטער בײַ די ייִדן אין ליטע איז צוזאַמענגעפֿאַלן מיטן פֿאַרלירן דעם פּינקטלעכע אונטערשייד צווישן ״ס״ און ״ש״. דאָס דאַרף מען אויך רעכענען פֿאַר אַ דערשײַנונג פֿון לעקסישער און פֿאָנעטישער אַסימילאַציע צו אַן אַנדערשפּראַכיקער (ליטווישער) סבֿיבֿה. דער גרונט-אונטערשייד צווישן די פֿאָנעטישע און מוזיקאַלישע אייגנשאַפֿטן פֿון פּויליש און דאָרעמדיקן דיִאַלעקט אין ייִדיש.

## קאַפּיטל 10.

## די געשיכטע פֿון דער ייִדישן אויסלעג.

די פֿולע פֿאַרלאָזטקייט פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע אין 16טן יאָרהונדערט, ווען מע האָט אויף ייִדיש קיין שום אַכט ניט געלייגט. פֿאַרשיידענע שרײַבונג פֿון דיזעלביקע ווערטער און דיזעלביקע אותיות פֿאַר פֿאַרשיידענע קלאַנגען -- דאָס איז אַ שטענדיקע דערשײַנונג אין דעמדאָזיקן פּעריאָד. אַדאַנק דעם די שווערקייט צו אַרבעטן איבער דער געשיכטע פֿון פֿאָנעטיק. די אַסימילאַטאָרישע טעאָריע פֿון די מאַסקילעם און זייער פּראַקטיק אויפֿן געביט פֿון אײַנרעגולירן דעם ייִדישן אויסלייג דורכן אַרײַנפֿירן אין איר די דײַטשישע כּללים. די קולטורעלע באַדײַטונג פֿון דערדאָזיקער רעפֿאָרם פֿון די מאַסקילעם. שײַע ראָזנפֿעלד און זײַן רעפֿאָרם, וואָס האָט איבערגענומען די נײַע דײַטשישע אָרטאָגראַפֿיע פֿון 1902 יאָר. דער פּרינציפּ פֿון פֿאָנעטישן אויסלייגן, וואָס באָראָכאָוו (אין ״פּנקס״ פֿון 1913) האָט אַרויסגערוקט. זײַן באַדײַטונג, ווי אַן אָפּזאָג פֿונעם טראַדיציאָנעלן דײַטשמעריזם; זײַן איינזײַטיקייט אינעם פּרוּוו דורכצופֿירן, אַוועקשטעלנדיק פֿאַר אַ פֿאַקט (״יאַוואָטשנים פּאָריאַדקאָם״) די ״ליטעראַרישקייט״ פֿונעם ליטווישן דיִאַלעקט. די פּראַקטישע ניטויסגעהאַלטנקייט פֿון באָראָכאָוון בנוגע דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון די ווערטער מיטן כּוילעם. די הנחה, וואָס באָראָכאָוו האָט געמאַכט דער היסטאָרישער אָרטאָגראַפֿיע פֿון די העברעיִשע ווערטער אין ייִדיש. די וואָקאַליזירטע קלאַנגען ״ן״ און ״ל״. באָראָכאָווס אויסדריקן זיי דורך די קאָנסאָנאַנטן ״ל״ און ״ן״, אַרויסלאָזנדיק דעם ״ע״״, די ספּייקעס אין דער נויטיקייט און דעם ווויסנשאַפֿטלעכן ווערט פֿון דידאָזיקע רעפֿאָרמען. די ווײַטערדיקע עוואָלוציע פֿון דער אָרטאָגראַפֿיע. אַמעריקע און איר

קאָנסערוואַטיזם אויף דעם געביט. אייראָפּע: די אָרטאָגראַפֿיע אין ליטע. די אָרטאָגראַפֿיע, וואָס ס׳האָט אָנגענומען דער לערער-קאָנגרעס אין פּוילן. די אַרבעט פֿון וויינגערן אין רוסלאַנד [מאָרטכע וויינגער 1890-1929]. דער פּרינציפּ פֿון דער פֿאָנעטיש רעפֿאָרמירטער אויסלייגונג, וואָס כאַזערט איבער די אָרטאָגראַפֿישע רעפֿאָרם פֿון די רוסן. די אַסימילירונג פֿון די העברעיִשע ווערטער בײַ דער פֿאָנעטישער אויסלייגונג. די אַרבעט פֿון זאַרעצקין [אײַזיק זאַרעצקי 1891-1956]. די אַרבעט פֿון דער פֿילאָלאָגישער קאָמיסיע בײַם פֿאָלקאָמבילד. די גרונטרעזולטאַטן פֿון דערדאָזיקער אַרבעט. דער פּרינציפּ פֿון אַן אָרטאָגראַפֿיע, וואָס דריקט אויס אַלע דיִאַלעקטן. די כעסרוינעס פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער שריפֿט און די טעאָרעטישע נויטיקייט פֿאַרבײַטן זי מיט אַ לאַטײַנישער. דער הויפּט-פֿעלער -- דאָס פֿעלן אין הײַנטיקן ייִדישן שריפֿט פֿון אונטערשייד צווישן ״אי״ און ״יי״, ״לי״ און ״לי״, ״אי״ און [סעמי-וואָועל] ״בי״, די אומעגלעכקייט אויסצודריקן דעם קלאַנג ״@״ [שוואַ]. די קאָנקרעטע רעזולטאַטן פֿון דער אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע.

קאַפּיטל 11.

די הויפּטדיִאַלעקטן.

דרײַ גרונט-דיִאַלעקטן: דער דאָרעמדיקער, פּוילישער, אָדער מיטעלער און צפֿאָנדיקער אָדער ליטווישער. די געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דידאָזיקע דיִאַלעקטן און זייער פֿאָנעטישער און לעקסישער גרונט-אונטערשייד, די געמיינזאַמקייט פֿון דער ליטעראַטור און די ווירקונג פֿונעם ליטעראַרישן לשון אויף דער צונויפֿגיסונג פֿון די דיִאַלעקטן, די אַסימילירנדיקע ווירקונג פֿון די גרויסע קולטור-צענטרען, ווו עס דערנעענטערן זיך מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע ערטער און עס אַרבעט זיך אויס אַ נײַער דיִאַלעקט (בײַשפּיל) בײַ יעספּערסענען, ״לעהרבוך דער פֿאָנעטיק״, טאַבעלן, וואָס ווײַזן דעם אונטערשייד פֿון באַזונדער דיִאַלעקט און אַ גענויע פֿאַנאַנדעראַרבעטונג פֿון דידאָזיקע טאַבעלן.

קאַפּיטל 12.

אַ באַגריף וועגן ליטעראַרישן לשון און ריכטיקער האַוואָרע.

די געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַרישער שפּראַך בײַ אַנדערע פֿעלקער. ווי אַזוי האָט לוטער אויסגעאַרבעט אַ ריינעם לשון. ווי אַזוי האָט פּושקין געאַרבעט איבער דער שפּראַך. וועלכע אַנטשפּרעכענדיקע מעטאָדן מערקן זיך אָן אויף אויסצואַרבעטן אַ ריינע אין לעקסישן זינען, ד. ה. אַ "ריכטיקע" ייִדישע שפּראַך. די זאַמלאַרבעט פֿון פּרילוצקין. קאַהאַנס [יודע-לייב קאַהאַן, 1881-1937], אַנסקיס זאַמל-ביכער פֿאַר פֿאָלקלאָר, דער זשורנאַל "מיטטעילונגען פֿוער די ייִדישע וואָלקס-קונדע", די מאַטעריאַלן פֿון "פּנקס" ו. אַ. וו. דער באַגריף פֿון אַ ליטעראַרישער האַוואָרע. די רעלאַטיווקייט פֿון דעמדאָזיקן באַגריף. די פֿאַלשקייט פֿון די גאַנגבאַרע דעפֿיניציעס: "די רוסישע ליטעראַרישע אויסשפּראַך איז אין מאָסקווע," "די ריכטיקע דײַטשישע איז אין האַנאָווער" ו. אַ. וו. די באַדײַטונג פֿון די פּראָווינציאַליזמען. דער קלאַסן-כאַראַקטער פֿון דער ליטעראַרישער אויסשפּראַך. די ליטעראַרישע האַוואָרע איז די אויסשפּראַך פֿון דער געבילדעטע געזעלשאַפֿט, וואָס שטייט נאָענט צום צענטער פֿון קולטור און רעגירונג, דערפֿון שטאַמען אַזעלכע דערשײַנונגען, ווי די מאָדע, דאָס אַוועקגיין פֿון דער שפּראַך פֿון די פֿאָלקס-מאַסן. די ווירקונג פֿון דער ליטעראַטור אויף דער אויסשפּראַך. די רוסישע "איאַ", "דיטיאַ", ווי קינסטלעכע בילדונגען. פּאַראַלעלע דערשײַנונגען אין ייִדיש. די באַדײַטונג פֿון ליטעראַרישע פֿאָרמען. דער גיכער בײַט פֿון לשון פֿון טעריטאָריאַל צעשפּרייטע גרופּעס. דערפֿאַר טראָגט די פֿיקסירונג פֿון די פֿילאָלאָגישע פֿאָרמען אַ טנײַ-כאַראַקטער. ייִדיש איז אין אַ לאַגע פֿון אַ לשון, וואָס פֿאַרענדערט זיך גיך. מע מוז אָננעמען אַ פּונקט פֿון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג פֿאַר אַ פֿאַרסטאַנדאַרטיזירטן און, אַרויסגייענדיק פֿון אים, אָפּשאַצן ווי די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג, אַזוי אויך די פֿאַרגאַנגענע. דערפֿון שטאַמט די פֿיקסירונג פֿון די גראַמאַטיקאַלישע פֿאָרמען, דאָס אָנעמען אייניקע דײַטשמעריזמען ו. אַ. וו. אומעגלעכקייט אויסצוטיילן איצט איינעם פֿון די דיִאַלעקטן פֿאַר אַ "ריכטיקן." די נויטיקייט צו אַנערקענען אַלע דרײַ דיִאַלעקטן פֿאַר ליטעראַריש-דערלאָזבאַרע, אונטערשטרײַכנדיק די טענדענץ פֿון קליינלעכע פּראָווינציעלע פֿאָרמען צו פֿאַרשווינדן (ווי די קאָלישער "מעדכע", "גאַפּעלכע", די בוקאָווינער "מאַנדעבאַרטשיקעס" ו. אַ. וו.).

קאַפּיטל 13.

די אויפֿגאַבע פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגישער וויסנשאַפֿט און פֿונעם לערער פֿון ייִדיש.

די אויספֿאָרשונג פֿון די אָרטיקע דיִאַלעקטן צוליב צונויפֿזאַמלען די שפּראַך-אוצרות און צוליב פֿאַראייניקן זיי. דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ מין אָרגאַניזירטער קאָלעקטיווער אַרבעט מוז זײַן דאָס באַשאַפֿן אַ ייִדישן פֿילאָלאָגישן אַטלאַס און די מעגלעכקייט אויסצוטיילען באַשטימטע פֿאָרמען, וואָס ווערן אָפֿטער באַנוצט, און אַנדערע פֿאָרמען, צו וועלכע סע שטרעבט די אַנטוויקלונג פֿון שפּראַך. דאָס פֿיקסירן אַלדי פֿאָרמען, דאָס באַקענען זיך פֿון לערער מיט אַ וואָס גרעסערער צאָל דיִאַלעקטן. די אַרבעט פֿונעם לערער איבער דער ריינקייט פֿון דער אויסשפּראַך און די מעגלעכע דערנענטערונג פֿונעם דיִאַלעקט, וואָס ער גיט די קינדער, צום אָרטיקן דיִאַלעקט. די ריכטיקע באַציונג פֿונעם לערער צו די דיִאַלעקטישע באַזונדערהייטן: ניט שטרעבן אויסצוואָרצלען דעם אונטערשייד צווישן זײַן אויסשפּראַך און דער אויסשפּראַך פֿון די קינדער, נאָר, שטרעבן וואָס מער צונויפֿבינדן די קינדער מיט דער ליטעראַרישער שפּראַך. ס'איז נויטיק צו באַרעכענען און אונטערצוהאַלטן די שטרעבונג פֿון דער ליטעראַרישער שפּראַך, צו באַפֿרײַען זיך פֿון די דײַטשמעריזמען און אומצוקערן זיך צו ריין ייִדישע גראַמאַטישע פֿאָרמען, דערבײַ דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז אַזאַ אומקער באַלעבט ניט אַפֿסניי יענעם לשון, וואָס איז געווען פֿאַר די מאַסקילעם, נאָר שאַפֿט אַ פּינקטלעכע, קורצערע און אויסדריקלעכע שפּראַך, וואָס איז אַ סינטעז צווישן די לשונות, וואָס זײַנען געווען פֿאַרן קלאַסן-איבערברוך אין דער ייִדישער סבֿיבֿה און מיט דער אידעאָלאָגישער השפּעה פֿון דעמדאָזיקן איבערברוך.

וויכטיקסטע ליטעראַטור

אי. צו דער געשיכטע פֿון ייִדיש:

1) קעניג אַרטוש הויף. דעם טעקסט קען מען געפֿינען בײַ וואַגענזייל: "בעלעהרונג דער ייִדיש-טײַטשען רעד- און שרײַבאַרט", קעניגסבערג 1699.

2) מעשׂה-בוך. אויך דאָרטן און אויכעט בײַ אַווע לאַללעמאַנט, "דאַס דויטשע גאַונערטום" בוו 3.

3) ״מעמאָירען דעס גלועצקעל וואָן האַמעלן״ הערױסג. וואָן פּראָף. דר. קאַופֿמאַנן, פֿראַנקפֿורט אַם מאַין 1900.

4) אַלפֿרעד לאַנדאַו אונד בערנהאַרד וואַכסטײַן. ״יידישע פּריוואַטבריעפֿע אַוס דעם יאַהרע 1619״. אויען & לעיפּזיג, 1911, אײַנלעיטונג, גלאָססאַר.

5) עטלעכע טעקסטן פֿון מאָריץ גידעמאַן, ״ייִדישע קולטור-געשיכטע אין מיטל-אַלטער״ (יידן אין דײַטשלאַנד, דאָס 14טן און 15טן יאָרהונדערט), יידיש נאָכעם שטיף, כּלל-פֿאַרלאַג, בערלין 1922 טאַרפּ״ב.

פֿון דידאַקטיקע ביכער באַקומט מען אַ סך ידיעות מכּוח דעם לעקסיקאָן און דעם גראַמאַטישן געבוי פֿונעם אַלטן ייִדיש. אָבער מע דאַרף ניט מיינען, אַז פֿון די קוואַלן באַקומט מען גענויע פֿילאָלאָגישע ידיעות. ערשטנס, איז קימאַט אַלעמאָל מיגלעך, אַז דער שרײַבער האָט זיך געסטאַרעט שרײַבן ״האָכדײַטש,״ כּדי צו פֿאַראיידלען זײַן לשון. אַחוץ דעם זײַנען די עלטערע קוואַלן עטלעכע מאָל געוואָרן איבערגעשריבן, הייסט דאָס איבערגעאַנדערשט. און אַזוי ווי די קלאַנגווערדע פֿון די אותיות איז ניט געווען פֿאַרפֿיקסירט, גיבן אונדז די דערמאָנטע ביכער קימאַט גאָר קיין ידיעות ניט וועגן דעם פֿאָנעטישן באַשטאַנד פֿונעם אַלטן יידיש. מער העלפֿן שוין אין דעם פּרט

6) יאָהאַנן-קריסטאָף אואַגענסעיל, ״בעלעהרונג דער ייִדיש-טויטשען רעד-און שרעיבעאַרט״, קאָעניגסבערג 1699.

כאָטש וואַגענזייל פֿאַרטײַטשט צו אָפֿט אָנשטאָט צו טראַנסקריבירן. נאָך בעסער איז אין דעם פּרט דאָס אַנאָנימע אַנטי-סעמיטישע ביכל

7. ״יידישער שפּראַכמעיסטער ... געדרועצקט אין דעם יעטזיגען יאַהר (אַרום 1718) אַופֿגעזעיכענט וואָן אײַנעם, דער עהעדעם אונטער דיסעם וואָלקע וויעלע יאַהרע זוגעבראַכט, ני׳ אַבער וואָן גאַנטזען הערטזען גאָטט ליעבעט און סײַנעם נאַעכסטען גערנע דינעט״.

איי. גראַמאַטיק.

דער עלצטער פּרווו גראַמאַטיש צו אַנאַליזרן איז די סעריע אַרטיקלען

8. פהיללּיפּ מאַנש. ״דער פּאָלניש-ייִדישע זשאַרגאָן״, ״איסראַעליט,״ לעמבערג (הערויסגג. וו. ווערײַן שאָמער ישראָעל) 1888-1890.

מאַנש איז אָפּט ניט גענוג וויסנשאַפֿטלעך-קריטיש, אָבער זייער רײַך אין געדאַנקען און שטויסט אָן אויף אַ זעלבשטענדיקן פֿילאָלאָגישן טראַכטן. אין דער גלײַכער צײַט איז אַרויס זייער אַ גוטער בוך

9. סאַיִנעאַנו. ״סטודיום דיִאַלעצטאָלאָגיצאַ סופּראַ גראַיִלוִ עוורעאָ-גערמאַן״. בוצאָרעסצי 1889.

וואָס איז שפּעטער מיט 25 יאָר איבערגעדרוקט געוואָרן אויף פֿראַנצויז:

10. סאַיִנעאַן. עססיי סור לע זשודעאָ-אַלעמאַנד. מעמואַרס דע לאַ סאָסיעטע דע לינגוויִסטיק דע פּאַרי. 12, 1903, פּ. 90-138 עט 176-196.

זייער גוט איז אויך די אויספֿאָרשונג פֿון גערצאָן

11) יאַצאָב גערזאָן. ״ייִדיש-דויטשע שפּראַכע. אײַנע גראַממאַטיש לעקסיקאַלישע אונטערסוכונג איהרעס דויטשען גרונדבעסטאַנדעס. קאָעלן 1902.

גערצאָן גיט אַ גוטע גראַמאַטיק פֿון ליטווישן ייִדיש. אַן עבֿירה, אַז די דערקלערונג פֿון אַ סך ווערטער און גראַמאַטישע פֿאָרמען איז פֿאַלש, וואָרום גערצאָן קען ניט קיין סלאַווישע לשונות. דעם כיסאָרן האָט אויך דער בוך פֿון בירנבוים

12) סאַלאָמאָן בירנבאַום. ״דאַס העבראַיִשע אונד אַראַמאַעִישע עלעמענט אין דער ייִדישען שפּראַכע״. גוסטאַוו ענגעל, לעיִפּזיג, 1922

וואָס שאַצט איבער די השפּעה פֿון העברעיִש אויף ייִדיש.

די גוט דורכגעטראַכטע גראַמאַטיק פֿון דערזעלביקן מחבר

13) סאַלאָמאָ בירנבאַום. "פּראַקטישע גראַממאַטיק דער ייִדישען שפּראַכע. ווערל. האַרטלעבען, אויִען, 1919,

האָט נאָך אַ צווייטן כיסאָרן: דער טשערנאָוויצער דיִאַלעקט ווערט גענומען פֿאַר דאָס איינציקע ייִדיש.

די שולגראַמאַטיקן, למשל, פֿון רייזען.

14) ש. רייזען, "יודישע גראַמאַטיק", וואַרשע, 10-טע אויפֿל.

אָדער בירנבוים און קאַסעל

15) מ. בירנבוים און ד. קאַסעל. "פּראַקטישע יודישע גראַמאַטיק, עלעמענטאַרקורס. אָרטאָגראַפֿיע, עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס", 2 טיילן

זײַנען פֿול מיט גאַנץ גראָבע גרײַזן. דער געגנשטאַנד איז נאָך ניט גענוג דורכגעאַרבעט אין טעאָריע, מע זאָל אים קענען געבן די קינדער אין דער פֿאָרם פֿון אַ "ייִדישן קירפּיטשניקאָוו",

איִיִי פֿאָלקלאָר.

זייער אַ סך מאַטעריאַלן אַנטהאַלטן די

16) "מיטטעיִלונגען דער געסעללשאַפֿט פֿוער ייִדישעם וואָלקסקונדע" 1898-1903, האַמבורג. פֿון 1904 "מיטטעיִלונגען פֿוער ייִדישעם וואָלקסקונדע" 1904-1908, בערלין; 1909, לעיִפּזיג; נאָך 1910, אויִען.

ווערטלעך האָבן געקליבן:

17) טענדלאַו. "ספּריכווערטער אונד רעדענסאַרטען דער ייִדישען וואָרזעיִט", 1860.

18) איגנאַץ בערנשטיין. "יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען". וואַרשע-קראַקוי טאַרסאַך 1908.

לידער -

19) גינזבורג אי מאַרעק. ״עברעיִסקיִע נאַראָדניִע פּיעסני צפּב, 1901.

20) נויעך פּרילוצקי. ״יודישע פֿאָלקסליִעדער״. געזאַמעלט, דערקלערט און צוזאַמענגעשטעלט.

21) חיה פֿיַין. ״פֿאָלקסליִעדער,״ ״פּנקס״ 1913, ווילנע, קלעצקין-פֿאַרלאַג.

22) צאַהאַן. ״ייִדיש פֿאָלקסאָנגס״. נעו יאָרק. אואַרסאַו 1912. ״יודישע פֿאָלקסליִעדער״. מיט מעלאָדיעס אויס דעם פֿאָלקסמויל געזאַמעלט.

פּרילוצקי האָט געקליבן זײַן מאַטעריאַל ס׳רבֿ אין פּוילן, פֿיַין -- אין דער ליטע, קאַהאַן -- אין אַלע ייִדישע קאַנטן. דעם גרעסטן ווערט האָט די אַרבעט פֿון קאַהאַנען -- אַן אויסגעצייכנט צווייבענדיק ווערק.

מע דאַרף נאָר דערמאָנען דאָס ביכל פֿון וויינגער

23) וויינגער. ״פֿאָרשט ייִדישע דיִאַלעקטן!״ מינסק 1925.

איוו. ליטעראַטור-געשיכטע.

ביז איצטער האָבן מיר ניט קיין בעסערע ווערק ווי דער אויבנויפּיקער און ניט אַלעמאָל ריכטיקער פּינעס.

24 {18} פּינעס. ״געשיכטע פֿון דער יודישער ליטעראַטור״, 2 בענדער.

און דער ניט זייער גרינדלעכער ווינער

25 {24} אויִענער, לעאָ. ״די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט״ (ענגליש) ניו-יאָרק 1899.

מע דאַרף נאָך דערמאָנען דעם בוך פֿון

25) ספּיוואַק און יעהויעש. "ווערטערבוך". ניו-יאָרק 1911, וואָס אַנטהאַלט זייער גוטע און גענוג פֿולע דערקלערונגען פֿון העברעיִש-אַראַמעיִשע עלעמענטן אין ייִדיש.

פֿאַר דער ווײַטעריקער ביבליאָגראַפֿיע שיק איך אָפּ צו באָראָכאָוון.

26) ב. באָראָכאָוו. "די ביבליאָטייק פֿון אַ ייִדישן פֿילאָלאָג," אין "פּנקס", ווילנע טאַראַ"ג 1913, וואָס אַנטהאַלט העכער 500 נעמען פֿון ווערק, וואָס זײַנען ביז דעמאָלט אַרויס אין דער גאַנצער וועלט וועגן ייִדיש.

------------------------------- בײַלאַג

אַ לואַך פֿון די וואָקאַליזמען פֿון ייִדישע הויפּט-דיִאַלעקטן און זייער אָפּשטאַמונג פֿון מיטל-הויכדײַטש

1. נײַהויכדײַטשישע הילכיקע און דיפֿטאָנגן

2. בײַשפּילן פֿון דײַטשישע ווערטער

3. דאָרעמדיקע האַוואָרע (ראָסטאָוו)

4. פּוילישע האַוואָרע (וואַרשע))

5. ליטווישע האַוואָרע (ווילנע)

6. אַ) ייִדישע שרײַבונג ב) העברעיִשע נקודה

7. העברעיִשע ווערטער, וואָס האָבן זיך געביטן אין דער זעלביקער ריכטונג.